קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת ויחי תשס"ט
[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש טבת תשע"א

# ליל שבת קודש פרשת ויחי ה'תשס"ט

בסעודה שלישית סעודת רעווא דרעווין דיבר מוהרא"ש נ"י דיבורים נוראים ונפלאים מאד על פי דברי רביז"ל בליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ד' המדבר מהשגת "מעין עולם הבא", עיין שם.

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, רביז"ל אומר (מוהרא"ש נ"י חזר על נקודה אחת שבתורה זו של רביז"ל), **כשאדם יודע שכל מאורעותיו הם לטובתו זאת הבחינה היא מעין עולם הבא וכו'**, עיין שם כל זה בדברי רביז"ל.

והסביר מוהרא"ש נ"י, אויף עולם הבא אליין איז געזאגט געווארן (ישעיה ס"ד) עין לא ראתה אלקים זולתך יעשה למחכה לו, און האבן געזאגט דרויף חז"ל (ברכות לד ע"ב) אז קיין שום אויג האט דאס נאך נישט געזעהן, ווייל ווי לאנג ווען א מענטש איז אנגעטוהן מיט א גשמיות'דיגע גוף, קען ער זיך גארנישט פארשטעלן אין זיין מח די לעכטיגע תענוגים וואס זענען פארהאנען אין גן עדן, אבער **"מעין עולם הבא" [עפעס פון עולם הבא]** קען מען זוכה זיין צו דערגרייכן אויך אויף גי וועלט, און דאס איז דורעך דעם וואס א מענטש ווייסט אז אלס וואס ווערט געשעהן מיט איהם איז צו זיין טובה.

ווארום עס גייען פאריבער אויף א מענטש ווי לאנג ער לעבט, פארשידענע געשעהנישן, איבערגייעכטצער, אין עליות מיט ירידות, שמאלקייטן אין ברייטקייטן, און ווי לאנג עס איז נאך נישט איינגעקריצט ביי זיך אז אלס איז צוליב זיין טובה, שפירט ער אין זיין לעבן א געוואלדיגע ביטערקייט, ווייל בשעת ווען עס גייען אויף איהם איבער שווערע צייטן, עס איז איהם מורא'דיג שמאל און ביטער, און אפילו ווען ער האט גוטע צייטן איז אויך שווער זיך צו פרייען געהעריג, ווייל ער האט מורא און ער זארגט אפשר וועלן די גוטע צייטן באלד אריבער גיין און עס וועט קומען א שווערע צייט, און ס'וועט זיין שלעכטץ , חס ושלום, אבער ווען א מענטש איז זיך קובע מיט א שטארקע און קלארע אמונה אז אליץ וואס גייט אויף איהם איבער איז נאר פאר זיין טובה, איהם צו רייניגן פון זיין זינד, אדער איהם צו ברענגן צו עולם הבא, דעמאלס לעבט ער גוטע און זיסע לעבן, ווייל ער איז אלעמאל פרייליך און צופרידן אין אלעם וואס גייט אויף איהם איבער, און ער ווייסט אז אלס איז צוליב זיין טובה, און ער זארגט נישט פון די שלעכטע טעג, ווייל ער ווייסט אז דארט איז אויך באהאלטן גוט'ס, און אזוי ווי עס שטייט (קהלת ז') ביום טובה היה בטוב וביום רעה ראה, און דער רבי ז"ע טייטשט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ל"ג), אז טאמער א מענטש וועט גוט קוקן אויף די שלעכטע טעג, וועט ער טרעפן די גוט'ס

breslevcity.co.il

אויך אין זיי, דעריבער ווען א מענטש לעבט מיט די ידיעה, אז 'כל מאורעותיו הם לטובתו', לעבט ער ממש **"מעין עולם הבא"** ממש, און ער שפירט אלערליי זיסקייטן אין זיין לעבן, און ס'שיינט איהם א געוואלדיגע ליכטיגקייט - מעין עולם הבא.

און דאס וואס ס'זאגט דער תנא רבי עקיבא (ברכות ס:) אז א מענטש זאל אלעמאל זיך איינגעוויינען צו זאגן אז אלס וואס דער אייבישטער טוט איז צו גוט'ס, און דעמאלס ווערט איינגעריצט די דאזיגע ידיעה, און ער לעבט **"מעין עולם הבא"** ממש, און אזוי ווי די גמרא פארציילט, אז רבי עקיבא איז אנגע קומען צו א שטאט וואס מען האט איהם אין ערגעץ נישט געלאזט אריינגיין, און ער האט נישט קיין חלישות הדעת, נאר ער האט געזאגט אלס וואס דער באשעפער טוט – איז צו גוט'ס, און ער איז געגאנגען שלאפן אין וואלד, און ער האט געהאט א אייזל, און א האן, און א ליכט, און עס איז געקומען א ווינד און האט אויסגעלאשן די ליכט, און עס איז געקומען די קאטץ און האט אויפגעגעסן די האן, און עס איז געקומען א לייב און האט אויפגעגעסן די אייזל, און אויף יעדע זאך האט ער געזאגט "כל דעביד רחמנא לטב עביד", און שפעטער איז ער געוואר געווארן אז עס זענען געפאלן רויבער'ס אויפ'ן שטאט און זיי האבן געהרג'ט די אלע איינוואוינער'ס, און זיי זענען אויך אריבער דארעך די שטאט וואס ער האט דארטן געוואוינט, און אויב זיי וואלטן געזעהן די ליכט אדער געהערט די רוף פון די האן און אויך דעם אייזל'ס ברימען וואלטן זיי איהם אויך געהרג'ט, האט ער געזעהן מיט די אייגינע אויגן אז אלס איז נאר לטובה, און דאס איז דער עיקר שלימות פון א מענטש, זיך דערהייבן העכער פון די געדאנקען פון די וועלט, און זיך מקשר זיין צו די דערגרייכונגען פון יענע וועלט – וואס דארטן איז אלס גוט, און גוט וויסן אז אלעס וואס דער אייבישטער טוט אויך אויף די וועלט איז אלס נאר לטובה, דעמאלס וועט ער לעבן גוטע לעבן, וואויל איז דער וואס איז זוכה זיך אריינעמען די ידיעה אז אלע זיינע געשעהנישן איז נאר לטובה, ווייל דעמאלס וועט ער לעבן גוטע און זיסע לעבן באמת, אשרי לו ואשרי חלקו.

וקישר מוהרא"ש נ"י את הענין הנ"ל לפרשת השבוע בקשר נורא ונפלא מאד, עס שטייט (בראשית נ') **ואתם חשבתם עלי רעה אלקים חשבה לטובה למען עשה כיום הזה להחיות עם רב**, און מען דארף דאך פארשטיין, אויב יוסף'ס ברודער האבן מורא געהאט אז יוסף וועט זיי פיינט האבן און נקמה נעמען אויף די אלע שלעכטע'ץ וואס זיי האבן איהם אפגעטוהן, און אזוי ווי עס שטייט (פסוק ט"ו) **ויאמרו לו ישטמנו יוסף והשב ישיב לנו את כל הרעה אשר גמלנו אותו**, און יוסף האט זיי טאקע מוחל געווען, און ער האט געוואלט ארויסצורייסן די פחד פון זייערע הערצער, אויב אזוי, פארוואס האט זיי יוסף דערמאנט - **"ואתם חשבתם עלי רעה"**, פארוואס האט ער נאכאמאל דערמאנט זייערע שלעכטי'ץ, און

breslevcity.co.il

ער האט זיי נישט סתם אזוי געזאגט אז אלעם איז געווען לטובה 'למען החיות עם רב'. און אויך וואס איז **"למען עשה כיום הזה"** וואס לכאורה קוקט אוים איבעריג, אבער לויט די רבינ'ס דיבורים איז גאנץ גוט פארשטענדליך, ווייל יוסף האט געוואלט איבערגעבן זיינע הייליגע ברודער די לימוד, זיי זאלן גוט וויסן א גאנץ לעבן – "שכל מאורעותיו של אדם כולם לטובתו", און דאס איז געווען זיין התחזקות אין אלעם וואס איז איהם איבערגעגאנגן אין די לעבן, זייט ער איז פארטריבען געווארן פון זיין טאטעס הויז, ביז ער איז געווארן א געוועלטיגער אין מצרים, אז אלעם איז לטובה, ווייל עס איז אריבער אויף איהם מורא'דיגע צרות, זיינע ברודער האבן געלאקערט אויף איהם צום טויט, און זיי האבן אין איהם אנגערייצט די הונט, און דערנאך האבן זיי איהם אוועקגעווארפן אין א גריב פוהל מיט שלענג און עגדעסן, און זיי האבן באשטיינערנט, און זיי האבן איהם שפעטער פרקויפט צוויי מאל ביז ער איז אנגע קומען צו מצרים, און דארט איז אריבער אויף איהם וואס איז אריבער, וואס מען האט איהם חושד געווען אין א פאלטשע בלבול, און מען האט איהם אריינגעלייגט אין תפיסה, און ער איז דארט געזעסן צעהן יאר, און שפעטער נאך צוויי יאר, קומט אוים אז ס'זענען אריבער אויף איהם געוואלדיגע מורא'דיגע צרות, און זיין גאנצע התחזקות איז געווען נאר די ידיעה "שכל מאורעותיו של אדם הם לטובתו", און דאס האט איהם געגעבן די כח צו קוקן העכער פון די וועלטישע גשמיות און גראד שטעלן זיין קוק אויף יענע וועלט און לויבן גאט ברוך הוא אויף אלעם וואס איז אויף איהם אריבער, און אזוי ווי עס שטייט (תהלים נו) בה' אהלל דבר באלקים אהלל דבר, אז סיי אין מדת החסד און סיי אין מדת הדין לויב איך דעם באשעפער, דעריבער ווען יוסף האט געזעהן אז זיינע ברודער האבן נאך מורא אז ער וועט זיי פיינט האבן, און ער וועט נקמה נעמען פון זיי, האט ער זיי געוואלט אויסלערנען די ידיעה: "שכל מאורעותיו של אדם הם לטובתו", זיי זאלן וויסן אז מיט די ידיעה קען מען לעבן גוטע לעבן אויף די וועלט מעין עולם הבא.

און דאס וואס יוסף האט צו זיי געזאגט: **"ואתם חשבתם עלי רעה"**, עטץ האט'ס זיכער געטראכט מיר שלעכטיץ מאכן, אבער איך האב געוווסט **"אלקים חשבה לטובה"** אז אפילו די מידה וואס איז מרומז אין שם **"אלקים"** וואס איז מדת הדין, איז אויך **"חשבה לטובה"**, ווייל אל סוואר דער אייבישטער טוט איז נאר לטובה, און זעהט נאר די טובה וואס איז געוואקסן פון דאס אלץ, וואס איך דערפאר געהאט די מעגליכקייט ענק געבן פרנסה אין די אלע יארן, און פון דעם זאלט איהר זיך אויסלערנען, אז אלם וואס דער באשעפער טוט איז נאר לטובה, שזהו וואס דאס איז **"למען עשה כיום הזה"** אז מיר זאלן וויסן אינעם היינטיגע טאג'ס אויך, אז מיר זענעם דערווייל אינעם גשמיות'דיגע וועלט, אז אלם איז לטובה, כדי **"להחיות עם רב"**, מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן אויף די וועלט מעין חיי עולם הבא, ווייל יוסף

breslevcity.co.il

הצדיק האט געהאלטן אין די השגה בשלמות, האט ער געוואלט אז אויך זיינע הייליגע ברודער זאלן דאס פארשטיין, און דער עיקר חיות צו די קומעדיקע דורות.

און דאס איז א הכנה צו די הייליגע שובבי"ם וואס קומען אן, אז א מענטש זאל וויסן אז אלס וואס גייט איבער אויף איהם איז נאר לטובה, און אפילו ס'גייען אויף איהם איבער יארן וואס ער איז געווען ווייט פון די קדושה, און עז איז אריבער אויף איהם מורא'דיגע איבערגייעכטצער און ער איז נכשל געווען, חס ושלום, האט ער א גוטע האפענונג תשובה צו טוהן, און איבערקערן אלס צום גוט'נס, און אזוי ווי דער הייליגער רבי ז"ע "יש ענין שנתהפך הכל לטובה", ווארום דעמאלס וועט ער פארשטיין אז עס איז געווען לטובה, איהם אויפצוהייבן צו השם יתברך, און איהם מקשר זיין צו די קדושה, ווייל דייקא דורעך די תכלית הירידה, איז ער אנגע קומען צו תכלית העליה, ווייל די התרחקות איז אנפאנג התקרבות (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' רס"א), און אפילו **"ואתם חשבתם עלי רעה"** אז איהר זענט געווען ווייט פון קדושת יוסף הצדיק, וואס איז תיקון הברית תיקון המחשבה, ווייל אלעמאל ווי עס שטייט סתם **"רעה"** וואס שטייט אין די תורה איז פגם הברית, רחמנא ליצלן, אבער ווען איהר וועט תשובה טוהן, וועט איהר זעהן אז **"אלקים חשבה לטובה"** אז אלעם וועט זיך איבערדרייען לטובה און איהר וועט זיך אומקערן צו די קדושה, און אזוי ווי חז"ל זאגן אויף דער וואס טוט תשובה מאהבה (יומא פ"ו.) אז פון די עבירות ווערן געטוהן מצוות, וואס דאס איז **"למען עשה כיום הזה"**, דורך דעם אז מיר וועלן תשובה טוהן היינטיגן טאג פון דעסניי, און כאילו ער האט קיינמאל נישט אנגעהויבן, דורך דעם וועט מקויין ווערן **"להחיות עם רב"**, אז מיר וועלן אויפלעבן אלע געפאלענע, און ס'וועט אריינקומען אין זיי גאר א אנדערע סארט חיות. און אין די הייליגע שובבי"ם טעג דארף מען זיך זייער אכטונג געבן אין די מצוה פון קריאת שנים מקרא ואחד תרגום (מעביר סדרא זיין), און אזוי ווי עס שטייט אין די ספרים (עי' בבעל הטורים ריש פרשת שמות) אויפן פסוק (שמות א') **ואלה שמות** וגו', ראשי תיבות **ו**'חיב **א**'דם **ל**'השלים **ה**'פרשה **ש**'נים **מ**'קרא **ו**'אחד **ת**'רגום, ווייל מעביר סדרא זיין איז מסוגל צו תיקון הברית (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' י"ט).

און מ'דארף זעהן צו זאגן אסאך תהלים אין די שובבי"ם טעג, ווייל **ו**אלה' **ש**מות' **ב**ני' **י**שראל' **ה**באים' **מ**צרימה' **א**ת' **י**עקב' **א**יש' **ו**ביתו' באו, זענען סופי תיבות **תהלי"ם תשוב"ה**, ווייל תהלים-זאגן איז זייער מסוגל צו תשובה שלמה (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי ע"ג), און דוד המלך האט געבעטן (מדרש תהלים מזמור א') אז אמירת תהלים זאל גערעכנט ווערן פאר השם יתברך אזוי ווי נגעים און אהלות. און מ'קען זאגן, אז פארוואס האט יר דערמאנט דווקא די צוויי מסכתות, ווייל מסכתא נגעים רעדט פון טומאת צרעת וואס קומט אויף די פגם פון לשון הרע,

breslevcity.co.il

און מסכת אהלות רעדט פון טומאת מת, וואס דאס איז די ענין פון טומאת הרשעים וואס אויך ווען זיי לעבן ווערן זיי אנגערופן מתים, און דוד המלך האט געבעטן אז אמירת תהלים זאל גערעכנט ווערן פאר הקדוש ברוך הוא, ביז א מענטש זאל קענען גערייניגט ווערן פון פגם לשון הרע, און פון די טומאת הרשעים וואס ווערן גערעכנט אזוי מתים, רחמנא ליצלן, ווייל די כח פון אמירת תהלים קענען מחזיר זיין א מענטש תשובה שלימה ביז ער וועט זיין ריין פון אלדינג.

דעריבער וואויל איז דער וואס איז זוכה זאגן יעדן טאג פון די שובבי"ם טעג - איין יום פון תהלים, ווייל אזוי א גאנצע וואך וועט ער אויסזאגן גאניץ תהלים, און ס'וועט איהם העלפן תשובה טוהן, זאל הקדוש ברוך הוא אונז מזכה זיין אמת'דיג תשובה טוהן, און מיר וועלן זוכה זיין זיך באנייען אין דביקות אור אלוקותו יתברך, בי זמיר וועלן זוכה זיין זיך דערהייבן און נכלל ווערן, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית